בס"ד

# עונג שבת

## פרשת ראה תשע"ג

**גוט שבת אלע אידן.** דער אייבערשטער זאגט אונז קלאר אין די וואכעדיגע סדרה אז די אידן זענען די שפיץ פון אלע פעלקער אין די גאנצע וועלט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: " כי עם קדוש אתה לה' אלקיך ובך בחר ה' להיות לו לעם סגלה מכל העמים אשר על פני האדמה" (יד,ב) ווייל דו ביסט א פאלק וואס איז הייליג צו דעם אייבערשטען דיין ג-ט, און דער אייבערשטער האט דיך אויסגעוועלט צו זיין א באליבט פאלק מער פון אלע פעלקער אין די וועלט.

אפילו דער איד איז א "טויזענטע מייל" אוועק פון אידישקייט, איז ער נאכאלץ באליבט ביים אייבערשטען. דאס ליבשאפט צווישען א איד און דער אייבערשטען ליגט אין דעם הארץ פונעם איד, ד"ה דעם "פינטעלע איד." די פאלגענדע מעשה טוט ווייזן אויף א שטארקע אופן דעם כח פונעם פינטעלע איד.

רוסלאנד אין די יאר תרע"ט איז געווען א געפערליכע פלאץ פאר אידן. ווייל אין די יארן האבן די קומאניסטן ימ"ש זיך געקריגט מיט א גרופע רוסישע רשעים מיט דעם נאמען "פעטליארעפצעס".ביידע זענען געווען אנטי-סעמיטן. עס וואלט געווען גאנץ גוט אויבביידע האבן נאר געהארגעט דעם אנדערן. אבער לײדער האבן ביידע געהארגעט אסאך אידן אויך. טאמער די קומאניסטן האבן קאנטראלירט א שטאט האבן זיי באשולדיגט די אידן. זיי האבן געטענה'עט אז די אידן זענען געווען שותפים מיט די "פעטליארעפצעס". טאמער די "פעטליארעפצעס" האבן קאנטראלירט א שטאט האבן זיי באשולדיגט די אידן, זיי האבן געטענה'עט אז די אידן זענען געווען שותפים מיט די קומאניסטן. בקיצור, עס איז געווען א שווערע צייט פאר די אידן.

אמאל האבן די "פעטליארעפצעס" ימ"ש גענומען קאנטראל פון א געוויסע שטאט וואס איז געווען פול מיט אידן. די רשעים האבן געהייסן אז די אידן זאלן צוזאמענקומען אין די גרויסע פלאץ (צענטער) פון שטאט, דארט אין יענעם פלאץ האבן די "פעטליארעפצעס" געפלאנט צו שיסן אלע אידן. די גוי'עשע שטאטסמענטשן האבן געהאלפן ארויסצושלעפן אלע אידן פון די הייזער. ווען די אידן זענען אנגעקומען צו דער פלאץ, האט איינער פון די גענעראלן פון די "פעטליארעפצעס" געהאלטן אין מיטן רעדן זיינע שטות'עם פאר א גרויסע עולם פון די שטאטסמענטשן וועלכע זענען געקומען זעהן ווי מ'גייט הרגענען די אידן. "יעצט לאמיר מאכן," האט ער אנגעהויבן צו זאגן, "א ביישפיל פון די אידן וועלכע זענען מורד במלכות. יעדע איינער זאל קוקן און זעהן וואס עס באקומט איינער וואס איז מורד במלכות, כדי קיינער זאל נישט נאכמאכן די אידן!"

די סאלדאטן האבן אנגעגרייט זייערע ביקסן. די אידן האבן געציטערט פון פחד. און די גוים וועלכע זענען געקומען זעהן, האבן זיך דערפרייט צו זעהן אז מ'גייט הרגענען די אידן. דער גענעראל האט געהייסן די סאלדאטן צו שיסן נאך מען ציילט "דריי." די סאלדאטן האבן געצילט זייערע ביקסן קעגען די אידן. "איינס" האט דער גענעראל געציילט. "צוויי..." גלייך פאר ער האט געקענט ציילן "דריי" איז איינער ארויסגעלאפן פון צווישן די גוי'עשע קוקערס און ער האט געשריגן: "ווארט איין מינוט! ווארט איין מינוט! איך בין אויך א איד! אויב איר גייט זיי הרגענען דארפט איר מיך הרגענען אויך, ווייל איך בין א איד!"

דער עולם איז געווארן איבערראשט, ווייל דער מענטש וואס האט דאס געשריגן איז געווען דער באליבטער אפוטעקער (פארמאסיסט) פון שטאט. ער איז געווען איינער פון די חשוב'סטע מענטשן אין שטאט. ער האט אויסגעהיילט אסאך מענטשן אין שטאט און ער איז אייביג געווען גרייט צו העלפן יעדען איינער טאג און נאכט. אבער, קיינער האט נישט געוואוסט אז ער איז א איד! ווייל, ער איז קיינמאל נישט געקומען אין שול, און ער האט פארקויפט אלע מיני נישט כשר'ע עסן, און זיין געשעפט איז געווען אפען שבת און אפילו יום כיפור.

א גרויסע איבערקערניש האט געהערשט צווישן דעם גוי'עשע עולם. ווייל, א חלק פון די גוים האבן געטענה'עט אז דער מענטש איז אזוי חשוב, אז מ'זאל איהם נישט הרגענען. אבער א צווייטע חלק פון די גוים האבן געטענה'עט אז אויב דער אפוטעקער איז א איד, דארפן זיי איהם אויך הרגענען. עס איז געווארן א גרויסע שטיפעניש צווישן די גוים, און באלד דערנאך האבן די גוים אנגעהויבן צו שלאגן איינער דעם אנדערן.

די גענעראל און זיינע סאלדאטן האבן עס דערזעהן, און זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טוהן, ווייל זיי זענען געווען א מיעוט קעגן דעם גרויס עולם פון רוסישע שטאטסמענטשן. בקיצור, זענען די "פעטליארעפצעס" ענטלאפן פון יענעם פלאץ ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין עצה קעגן דעם עולם וואס האבן זיך יעצט געקריגט צווישן זיך. די "פעטליארעפצעס" האבן געזאגט אז זיי קומען באלט צוריק "מסדר" זיין די אידן. ווען די "פעטליארעפצעס" זענען אוועק געגאנגן זענען די אידן אנטלאפן פון דער פלאץ, און ב"ה זיי זענען קיינמאל נישט צוריק געקומען. דער אפוטעקער האט ענטלאפן מיט זיינע אידישע ברודער, און לכאורה איז ער געווארן א בעל תשובה. (מעשה פון ר' שלום שוודרן ז"ל, וואס האט עס געהערט פון ר' יעקב קאמענעצקי זצ"ל.)

מען זעהט פון די מעשה אז דער פינטעלע איד, דער אידישע נשמה ווערט קיינמאל נישט אויסגעלאשן. ווייל מיר זענען ד' יתברך'ס "עם סגולה." אויב איינער וואס איז אזוי ווייט פון אידישקייט קען שפירן א קשר מיט'ן אייבערשטען, זאלן מיר כל שכן וכל שכן שפירן א שמחה אז מיר זענען בני מלכים. ווען ס'קומט אונטער א נסיון ל"ע, מיר דארפן געדענקן אז מיר זענען בני מלכים. דורך דעם וועלן מיר אייביג טוהן דעם רצון ד' מתוך א געוואלדיגע שמחה וואס א בן האט ווען ער דינט זיין טאט'ן אין הימעל דעם מלך מלכי המלכים. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת לידת נינו נ"י**

**לע"נ ר' יעקב בן ר' נפתלי ע"ה :: לע"נ ר' יצחק בן ר' שמעון ע"ה :: נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל**

**לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234-362 (845)**